

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה״צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ״ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

מקץ - חנוכה
תשפ״ב לפ״ק
גליון קצ״ט

**פראגע**

## וועלכע נס פון חנוכה איז וויכטיגער – די נצחון אין די מלחמה אדער די נס פון די קריגעלע אויל?

**ענטפער:**

**דער** נס פון נצחון המלחמה איז גארנישט וויניגער ווי דער נס פונעם פך שמן. מיר מוזן אבער מודה זיין אז דער יצר הרע קען טרעפן א געלעגנהייט צו פארטושן די מענטשהייט מיט אזעלכע סארט נסים. ״גוט״ וועט ער זאגן, ״אפשר זענען זיי געווען געלונגענע קעמפער, און מסתמא זענען די יוני׳שע ארמייען געווען אומארגאניזירט.״

עס איז נישט אמת, זיי זענען געווען זייער א **גוט** ארגאניזירטע ארמיי, אבער אויב מענטשן מיט שוואכקייטן אין זייער אמונה וועלן זוכן תירוצים נישט צו גלייבן, וועלן זיי זאגן אז ס׳איז געווען א צופאל. זיי וועלן פרובירן צו טרעפן דוגמאות. האבן דען נישט די אמעריקאנער באזיגט די בריטישע ארמיי? אודאי איז עס נישט קיין פארגלייך; די אמעריקאנער זענען געווען דא און די בריטישע ארמיי איז בלויז געווען א קליינע נומער פון רעגימענטן וואס זענען געקומען פון איבער׳ן ים. אבער דער יצר הרע וועט טרעפן תירוצים.

דער נס פונעם פך שמן איז עפעס וואס מען קען נישט פארענטפערן. און דערפאר זאגט די גמרא (שבת, כא, ב) ״מאי חנוכה?״ – וואס איז דער נס צוליב וואס מיר פראוועגען חנוכה? און די גמרא ענטפערט צוליב דעם נס פונעם שמן. אבער עס מיינט נישט אז די אנדערע נסים זענען געווען קלענערע נסים. ניין, זיי זענען אויך געווען געוואלדיגע נסים. נישט נאר איין שלאכט, עס איז פארגעקומען אסאך שלאכטן און ס׳איז געווען נסי נסים. אבער אונז צו געבן די מאקסימום בענעפיט איז געווען וויכטיג אונטערצושטרייכן דעם **נס פונעם פך שמן**. דאס דארף די מערסטע אויסגענוצט ווערן ווייל דאס גיבט אונז **די גרעסטע תועלת**.

**פראגע**

## וויאזוי צינד איך אָן די כסדר׳דיגע און איבערפליסנדע קראן פון שמחה?

**ענטפער:**

**איר** ווילט זיין פרייליך? דאן דארפט איר זיין רייך. מען קען נישט זיין פרייליך אויב מ׳איז ארים. **״כל ימי עני רעים״** (משלי, טו טו) – אלע טעג פון אן ארימאן איז שלעכט.

יעצט וויאזוי ווערט מען רייך? **״איזהו עשיר השמח בחלקו״** (אבות, ד, א) – ווער איז רייך? איינער וואס איז פרייליך מיט וואס ער האט. מען דארף זיין אינפארמירט. דו דארפסט **לערנען וואס דו פארמאגסט**.

עס איז פונקט ווי א מענטש וואוינט אין א הויז און אן אוצר פון דיאמאנטן איז באגראבן אונטער די הויז. פאר לאנגע יארן צוריק האט אן אלטער פרעמדער מענטש דארט געוואוינט און ער האט איינגעזאמלט א גאנצע קעסטל פול מיט דיאמאנטן און נאך פאר ער האט עס געקענט נוצן איז ער געשטארבן. יעצט איז דאס הויז דיין

אייגנטום! אבער דו ווייסט בכלל נישט וואס ס'גייט פאר אונטער די פלאר, דו ביזט אן ארימאן. ביזט א רייכער ארימאן.

לאמיר זאגן איין טאג רופט דיר איינער אן ביינאכט. שפעט ביינאכט קלינגט די טעלעפאן, און אן אלטע שוואכע קול זאגט דיר, "איך בין אין מושב זקנים, איך בין דער אלטער גענגסטער, איך האלט שוין ביים שטארבן, אבער איך וויל דיר זאגן אז ס'איז דא א קעסטל פון דיאמאנטן אונטער דיין קעלער." און ער הענגט אויף.

או הא! יעצט ביזטו רייך! וואס האט דיר געמאכט רייך? דו האסט שוין דעם אוצר דארט פאר אסאך יארן. ס'איז געווען דיינס לעגאל, ס'איז נישט דא קיין שום תובע. די **ידיעה** האט דיר געמאכט רייך! דאס **וויסן** וואס דו האסט מאכט דיר רייך. פון דעם זעען מיר אז **וויסנשאפט איז רייכקייט**.

מען דארף פשוט זיין באוואוסטזיניג אין וואס מען פארמאגט. דו ביזט נישט קיין קריפל, מער-וויינעגער איז אלעס אין פלאץ ביי דיר. אויב דו פארשטייסט ווי גליקליך דו ביזט אז דו ביזט נישט קיין בעל מום, האסטו אסאך סיבות צו זיין שיכור פון פרייד; דו ביזט א מיליאנער.

## פראגע

**ס'איז דא א געוויסער סוקסעספול ביזנעסמאן, א ליבעראלער און געלערנטער, וואס ווען מ'פרעגט אים פארוואס ער איז נישט קיין פרומער איד זאגט ער וויבאלד רעליגיע איז גורם מלחמות און געשלעגן אויף דער וועלט. וואס ענטפערט איר אויף דעם?**

## ענטפער:

**מיין** ענטפער צו אים איז, "וואו זעסטו אז אידישקייט איז גורם מלחמות און געשלעגן אויף דער וועלט?" דאס אז זיי שלאגן זיך קען אונז דאס זעען מיר. **זיי** רודפ'ן אונז. אבער וואו האט דען די אידישע רעליגיע, די תורה הק', גורם געווען געשלעגן? נישטא אזא זאך! מיר גייען נישט ארויס איינעמען אנדערע לענדער זיי צו צווינגען אנצונעמען אונזער תורה. קיין שום מלחמות איז נישט געקומען פון אונז.

פונקט פארקערט, אויב ווילט איר א סיבה פארוואס איר זאלט **צוריקקומען** צו אידישקייט, איז עס וויבאלד מיר זענען די מערסטע בשלום פון אלע פעלקער. און אויב עמיצער וועט זאגן, "זעט מען דען נישט אז פרומע אידן קריגן זיך איינער מיט'ן צווייטן?" וועט איר א בית החיים מיט מלחמה-קרבנות, מיט קברים פון פרומע אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן אין די געשלעגן... חסידים און מתנגדים האבן געהאט א מלחמה, אבער עס זענען נישט דא קיין קרבנות, קיינער איז נישט געשטארבן אין רעזולטאט פון די מלחמה.

אבער צווישן די פראטעסטאנטן און די אנדערע, אה אודאי. צווישן די קריסטן און מוסולמענער, אה יא! גאנצע ארמייען פון מענטשן זענען אויסגע'הרג'עט געווארן איינער דורכ'ן צווייטן, און ביזן היינטיגן טאג שלאגן זיי זיך. אבער נישט ביי אונז.

במילא איז עס סתם א תירוץ פאר א מענטש וואס וויל זיך ארויסדרייען פון היטן די תורה, און מסתמא ווייסט ער סיי-ווי נישט צופיל וועגן די גאנצע נושא. אויב עס וואלט אים אמת'דיג אנגעגאנגען, וואלט ער גרינגערהייט געקענט אנטדעקן אז זיין טענה איז בכלל נישט קיין טענה, ס'איז שטותים.

אידן שלאגן זיך נישט; אידן זענען "יונתי תמתי" (שיר השירים, ה, ב), די שלימות'דיגע פאלק. עס איז א פאלק וואס האט ליב שלום, און וועגן דעם שפירן אידן שטאלץ אז זיי זענען די וועלכע האבן קיינמאל נישט גורם געווען קיין פראבלעמען אויף דער וועלט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות


דער צווייטער באנד!
בונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב